בסייעתא דשמיא

# יונגעֶרליך

A **NAFTALI SCHNITZLER** PRODUCTION

MUSIC ARRANGED BY **MOSHE LAUFER**

# שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה.

בעזרת השם יתברך, פרעזענטירן מיר פאר אייך דעם נייעם סידי "יונגערליך". "יונגערליך" איז א חידוש-פראיעקט צוזאם געשטעלט דורך ערליכע אינגעלייט, מיט'ן ציל צו ברענגען ערליכע נגינה און טאלאנט צום חרד'ישן יודענטום. "יונגערליך" - חסידיש, חן, תמימות, ערליך.

עס איז אוממעגליך אראפצושרייבן וויפיל ארבעט מיר האבן ארייגעלייגט אין דעם סידי. נאר דעם איינעם ביכל וואס איר האלט יעצט אין די הענט, איז איבערגעקוקט געווארן צענדליגער מאל דורך פראפעסיאנאלן, מחנכים און רבנים, זיכער צו מאכן אז דער פראיעקט איז א דבר השוה לכל נפש, אויפן העכסטן סטאנדארד, ברוחניות ובגשמיות.

דער סידי אליין איז איבערגעהערט און איבערגעזיפט געווארן הונדערטער מאל, בלי גוזמא! אונזער העכסטער פריאריטעט וואס מיר האבן כסדר געהאלטן פאר אונזערע אויגן, איז געווען אייך צו ברענגען א "גענצליכער" פראדוקט, מוזיקאליש און געשמאק, ערליך און היימיש, אויף ווי ווייט מעגליך, אבער ווי דוד המלך ע"ה זאגט אונז שוין "שגיאות מי יבין".

אונזער וואונטש איז, איר זאלט האבן ערליכע הנאהביים אויסהערן דעם דיסק, זינגן די געשמאקע ניגונים, אונז צו דערנענטערן צום רבוש"ע, און ווי אויך האפן מיר אז איר וועט אי"ה די זעלבע הנאה האבן פון די קומענדיגע פראדוקטן וואס מיר ארבעטן יעצט אייך צו ברענגען בקרוב.

מיר דאנקן צו השי"ת אויף די גליקליכע מינוט, און מיר בעטן אויף ווייטער, ואל תטשנו ד' אלוקינו לנצח!

הרב יהושע ראזען; הרב יוסף גליק; ר' נפתלי משה שניצלער



# CREDITS

פרעזענטירט דורך **ר' נפתלי משה שניצלער**

אנגעפירט דורך **הרב יהושע ראזען; הרב יוסף גליק**

ניגונים קאמפאזירט דורך **ר' פנחס מרדכי וועבער; ר' משולם גרינבערגער; ר' הערשל וויינבערגער; ר' אליעזר קאליש; ר' יונה ליפשיץ**

מוזיק אראנזשירט דורך **ר' משה לאופער; ר' נפתלי משה שניצלער; ר' שלמה זלמן וועכטער**

פראיעקט דורך **שניצלער סטודיאוס**

סולנים: **הרב יהושע ראזען; הרב יוסף גליק; ר' משולם גרינבערגער; ר' יואל פריינד; ר' חיים מרדכי פייערווערקער**

### ///CREDITS

PRODUCED BY NAFTALI SCHNITZLER
LED BY R' SHIA ROSEN - R' YOSSI GLICK
A PROJECT BY SCHNITZLER STUDIOS
SONGS COMPOSED BY PINKY WEBER - MESHILEM GREENBERGER - HERSHEL WEINBERGER - LAZER KALISH - YONAH LIPSHUTZ
MUSIC ARRANGED BY MOSHE LAUFER - NAFTALI SCHNITZLER - SHLOME WECHTER
MIXED BY SCHNITZLER STUDIOS
MASTERED BY ELI LESHINSKY
DISTRIBUTED BY LCHAIM DISTRIBUTORS
DESIGN & MARKETING BY PINNY GLICK - BRANDERIN GROUP
ADULT SOLOISTS: R' SHEA ROSEN, R' YOSSI GLICK, MESHILEM GREENBERGER, YOEL FREUND, CHAIM MORDCHA FEURWERKER

### ///MUSICIANS

DRUMS: AVI AVIDANI
PIANO/KEYS/PROGRAMMING: NAFTALI SCHNITZLER, BENNY LAUFER
GUITARS: AVI SINGOLDA, NACHMAN DRYER
BASS: ARAYA VOLNITZ, SHLOME SHPILMAN
WOODWINDS: SHLOIME COHEN, AVRUMI BASCH
BRASS AND HORNS: RAFI DAVADOV, NATHAN BERMAN, DOR ASARAF, MORAN BRAUN
STRINGS: AYAL SHILUACH & CO.
VIOLIN SOLO: STANISLAV NIKOLOV

### ///RECORDED AT

SHEVACH STUDIOS NY - SCHNITZLER STUDIOS NY - SYR STUDIOS NY - GAL KOL STUDIOS ISRAEL - TENOR STUDIOS ISRAEL - MW STUDIOS ISRAEL

### ///ENGINEERING BY

SHLOME WECHTER - ISRAEL ORBACH - R' YOSSI GLICK - YOELY FREUND

**יונגערליך קינדער כאר:** שלום באדאנסקי, מענדי שאנפעלד, דוד שמעלצער, פנחס קויפמאן, אברמי קויפמאן, דוד מאשקאוויטש, מאיר חיים ראזענבלום, יצחק ראזענבלום, שמואלי גאלדקלאנג, חיים בייער, דוד פעדער, אברמי שווארץ, משה ברוין, משה פריעדמאן, שלוימי ברוין, חנינא פאל, אברמי קרויס, שמואלי ראזענבלום, ישכר אייזנבערג, שלמה יוסף אויסטערליץ, אשר זעליג שפיטצער, נח שווארץ, יעקב אלבוים, חנינא טווערסקי, נחום מרדכי ברוין, שלוימי שווארץ, הלל ווייזער, אנטשי זילבערמאן, יוסי ברייער, יוחנן בירנהאק, יחיאל אהרן איינהארן, משה מרדכי זאבנער, שמואלי סיגל (א), שמואלי סיגל (ב), מאיר נתן געללער, חזקי פריזעל, יצחק שווארץ, יודי ראזענבלום, נחום שפיטצער, שרגא פעקעטע, יאנקי ברוין, יאנקי לעפקאוויטש, יצחק יאבלאנסקי, בן ציון גאלדמאן, ישראל פיקסלער, יעקב פיקסלער, אהרן פאלגער, אלחנן פאלגער, אפרים לעווי, ישכר דוב לעווי , מענדי איזראעל, שלמה עמרם אונגאר, רפאל וויינבערגער, מנחם דוד האכהייזער, יודל סאלאמאן, מענדי סורקיס, יעקב שפיטצער, מאטי קעניג, יאסי גאלדמינצער, חיים איזראעל, שלמה ליטענשטאטער, דוד אלימלך ליכטענשטאטער, אברמי בייגעל, ישכר דוב ראזען, מרדכי זילבערשטיין, משה נחום זילבערשטיין, שלמה זלמן וויינפעלד, יחזקאל שטענגעל, שלום אליעזר בלומענבערג, יחזקאל ראזענבום, הירש מילך זינגער, יוסי גליק , דודי לינקער. יוסף יואל שטראסער, אברמי טיבערג, בנימין דוד גאלדמאן, ברוך אפפעל

**הרב יוסף משה כהנא** - דער רבי און טאטע פאר חסיד'ישע אלבומס.

**ר' וועלוול פעלדמאן** - באגלייט דעם אלבום מיט הארץ און מיט דיין געפיל דעם גאנצן פראיעקט, זיכער צו מאכן ס'זאל זיין א דבר השלם!

**ר' משה כהן** - מיט מבינות און עקספערטיז

**בעני לאופער** - ברא כרעא דאבוה! א הערליכע ארבעט!

**ר' חזקי שטיין** - איך גלייב! איך גלייב! ווען דו גלייבסט אין א פראיעקט, מאכסטו דאס דיין אייגנס! יישר כח פאר אלעם.

**ר' אהרלע סאמעט** - ס'זאל זיין געשמאק און ערליך

**ר בצלאל גאלד** - א מבין ווי קיינער

**ר' נחמן דרייער** - מיט א פונקטליכקייט, אלעמאל אין צייט

**הרב וועלוול שמעלצער** - דער קול שופר פאר'ן יהדות החרדית, און פאר זיינע טרעפליכע הערות

**ר' יעקב יוסף לאנגזאם** - מיט א שמייכל אלעמאל

**ר' זעליג אייגער** - יישר כח אויף אלעם

**ר' יצחק וואקסמאן** - דיין טיפע בליק אין חסיד'ישע מוזיק, האט אסאך צוגעגעבן

**הרב פסח שארף** - דיין שטיצע און פארשטאנד האט באגלייט, אז מיר האלטן שוין דא ב"ה

**ר' דובי מייזעלס** - מיט זיין געפיל צו מוזיק, געהאלפן מיט יעדן ניגון באזונדער

**ר' שלמה שפילמאן** - באַס; דער יסוד פונעם ניגון, שפילט קיינער ווי דיינס גלייכן

**ר' ישעי' גראס** - מיט א געניט אויער, וואס איז מקובל על הלב

# לאווענען

לחן: ר' הערשל וויינבערגער
עיבודים: ר' שלמה זלמן וועכטער
סולן ילד: משה ברוין
מקהלת ילדים בסוף השיר:
מחנה סקווירא, מחנה קראסנא, מחנה מונקאטש

ווען א איד קומט אריין אין שול צופרי דאווענען פארן הייליגן באשעפער, גיבט זיך דער מענטש א טראכט; וואו קען א בשר ודם, א פשוט'ער מענטש פון פלייש און ביין, בעטן און רעדן צום גרויסן האר פון דער וועלט?

נאר מיר אידישע קינדער ווייסן, אז דער הייליגער באשעפער וויל אונז הערן, און ווארט אויף אונזערע תפילות, דעריבער בעטן מיר פונעם גרויסער באשעפער, וועל איך איצט דאווענען פאר דיר.

השם שפתי תפתח ופי יגיד תהילתך.

**מי אנכי, שאזכה להתפלל לפני הקדוש ברוך הוא, שהוא קל גדול ונורא. הייליגער באשעפער די האסט געבעטן דאווענען פאר דיר, גרויסער באשעפער וועל איך יעצט דאווענען פאר דיר.**

(תפלה קודם התפלה, מובא בסידור ליקוטי צבי)

# אחת שאלתי

אחת, נאר די איין זאך בעט איך דיר:

"שבתי בבית ד' - צו זיצן אין היכל פון השי"ת", יעדער אויף זיין פארנעם.

נעם דאס גוט אריין אין קאפ! אפילו ס'קומט דיר אן שווער, טרעף דיר אן אייגענע וועג צו שפירן א נאנטשאפט צום באשעפער און זיצן אין בית ד': כיבוד אב ואם, ארויסהעלפן אן אנדערן, זאגן ברכות ווי עס דארף צו זיין, אד"ג, יעדע - אפילו קליין-אויסזעענדע - מצוה ברענגט דיר נענטער צום באשעפער.

שאץ דיר נישט אונטער! דער אויבערשטער האט דיך געגעבן דיין אייגענע וועג "לחזות בנועם ד'", צו שפירן די זיסקייט אין אידישקייט.

לחן: ר' פנחס מרדכי וועבער
עיבודים: ר' משה לאופער
סולן: הרב יהושע ראזען
סולן ילד: משה ברוין, יודי ראזענבלום

**אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש, שבתי בבית ה' כל ימי חיי, לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו.**

(תהלים כז ד)

# מלוך

לחן: ר' משולם גרינבערגער
עיבודים: ר' נפתלי משה שניצלער
סולן ילד: מענדי שאהנפעלד, משה ברוין
סולן: ר' משולם גרינבערגער

מלוך על כל העולם כולו בכבודך, והנשא על כל הארץ ביקרך, והופע בהדר גאון עוזך, על כל יושבי תבל ארצך.

זאל שוין זיין! זאל שוין זיין! זאל שוין זיין!,
דער באשעפער וועט געוועלטיג'ן אליין,
אַך ווי שיין! אַך ווי שיין! אַך ווי שיין!,
ווען משיח וועט קומען צו גיין.
זאל שוין זיין! זאל שוין זיין! זאל שוין זיין!,
דער באשעפער וועט געוועלטיג'ן אליין,
אַך ווי שיין! אַך ווי שיין! אַך ווי שיין!,
במהרה בימינו אמן.

(תפילת מוסף לימים נוראים)

ווען משיח וועט קומען, בקרוב בימינו, וועט דער אויבערשטער זיין "מלך" אויף דער וועלט, נאר ער, און אלע פעלקער וועלן נאר אין אים אנערקענען. ביום ההוא יהי' ד' אחד ושמו אחד.

מיר קוקן ארויס אויף דעם טאג ווען דער באשעפער וועט געוועלטיגן אליין, אך ווי שיין!

זאל שוין זיין, זאל שוין זיין, זאל שוין זיין!

# אליהו הנביא

לחן: ר' הערשל וויינבערגער | עיבודים: ר' משה לאופער
סולן ילד: דודי לינקער | סולן: ר' חיים מרדכי פייערווערקער

כידוע, פיל צדיקים האבן זוכה געווען צו גילוי אליהו. דער הייליגער אריז"ל און זיינע תלמידים, האבן געהאט די זכיה צו לערנען מיט אליהו הנביא.

פסח ביינאכט, ווען מיר עפענען פאר אים די טיר, ווארטן מיר אז ער זאל אונז ברענגען גוטע בשורות. מיר האפן, ווען וועלן מיר שוין זוכה זיין צו "אונזער" גילוי אליהו, ווען ער וועט אונז ברענגען די פרייליכע בשורה אז משיח איז שוין דא. ווען וועלן מיר זיין זוכה, שלום געבן דיר, אליהו הנביא!

אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי,
במהרה יבוא אלינו עם משיח בן דוד.
אשרי מי שראה פניו בחלום, אשרי מי שנתן לו
שלום, והחזיר לו שלום.
ווען וועלן מיר זיין זוכה שלום געבן פאר דיר -
אליהו הנביא,
ווען וועלן מיר זיין זוכה שלום געבן דיר - אליהו
הנביא.

(זמירות למלוה מלכה, מוצאי שבת)

# איך גלייב

לחן: ר' הערשל וויינבערגער
מילים: ר' ווערלוול פעלדמאן
עיבודים: ר' משה לאופער
סולן ילד: משה ברוין, שלוימי ברוין, יאסי גאלדמינצער, מענדי שאהנפעלד, אברהמ'לע שווארץ
סולן: הרב יוסף גליק

**דער הייליגער רמב"ם, רבינו משה בן מימון, האט אונז איבערגעלאזט א הייליגע ירושה, וואס דערהאלט אונז פאר לאנגע יארן און העלפט אונז אנהאלטן אונזער מסורת האמונה. דאס זענען די באקאנטע "י"ג עיקרים" וואס א אידיש קינד זאגט יעדן טאג.**

**אמונה - גלייבן! דאס איז וואס דערהאלט אונזער אידישקייט ביז היינט. זיידעס און באבעס, טאטעס און מאמעס גיבן איבער די ריינע מסורה פאר די ריינע קינדערלעך, אונזערע צוקונפטיגע דורות.**

**זינגט מיט מיר צוזאמען, די דרייצן אני מאמין, איך גלייב, איך גלייב, איך גלייב!**

**איך גלייב, איך גלייב, איך גלייב**
**א יודיש קינד, אלעמאל ער גלייבט**
**זינגט מיט מיר צוזאמען**
**די דרייצן אני מאמין**
**איך גלייב, איך גלייב, איך גלייב.**

**איך גלייב** אז דער בורא, אלעס ער פירט
אלעס וואס געשעהט און האט אמאל פאסירט
ער טוט באשאפן, אלעס וואס מיר דארפן
די גאצע וועלט באצירט

**איך גלייב** אז נאר ער - איז די איינציג גאט
נישט דא אזא איינער ווי די בורא וואס מ'האט
ער איז געווען, און וואס ס'וועט געשעהן
איז נאר פון השם אחד

**איך גלייב, איך גלייב, איך גלייב**
**א יודיש קינד, אלעמאל ער גלייבט**
**זינגט מיט מיר צוזאמען**
**די דרייצן אני מאמין**
**איך גלייב, איך גלייב, איך גלייב.**

**איך גלייב** אז דער בורא קען מען נישט פארשטיין
נישט ווי א מענטש פון פלייש און ביין
די ערשטע און לעצט, הייליג און געשעצט
און נאר צו אים מתפלל זיין

**איך גלייב** אז די נביאים און זייערע רייד
איז נאר מיט אן אמת און א העכערקייט
און משה געטריי איז די רבי פון זיי
אן קיין ענדליכקייט

**איך גלייב, איך גלייב, איך גלייב**
**א יודיש קינד, אלעמאל ער גלייבט**
**זינגט מיט מיר צוזאמען**
**די דרייצן אני מאמין**
**איך גלייב, איך גלייב, איך גלייב.**

**איך גלייב** אז די תורה - אונזער לעבן
האט דער בורא פאר משה אים געגעבן
דאס טוט אונז באגלייטן, ס'וועט זיך נישט בייטן
אזוי ווי אונזער שטרעבן

**איך גלייב** אז דער בורא ווייסט וואס יעדער טוט
וואס א מענטש טראכט א יעדע מינוט
און טאקע דערפאר, באצאלט ער מיט שכר
פאר ווער ס'גייט אין זיינע טריט

**איך גלייב** אז משיח איז שוין דא כמעט
כאטש מיר ווארטן שוין אזויפיל צייט
און תחיית המתים וועלן אלע אויף שטיין
ווען דער אייבישטער'ס ווילן וועט זיין

**איך גלייב, איך גלייב, איך גלייב**
**א יודיש קינד, אלעמאל ער גלייבט**
**זינגט מיט מיר צוזאמען**
**די דרייצן אני מאמין**
**איך גלייב, איך גלייב, איך גלייב.**

# הרחמן

**הרחמן הוא יברך את אבי מורי ואת אמי מורתי, אותם ואת ביתם ואת זרעם, ואת כל אשר להם.**

(סדר ברכת המזון)

לחן: ר' אליעזר קאליש
עיבודים: ר' נפתלי משה שניצלער
סולן ילד: דודי לינקער, משה ברוין
סולן: ר' יואל פריינד

פון קינדווייז אן גיבן זיך אונזערע עלטערן איבער פאר אונז, זיי פרובירן צו פארזיכערן אונזער וואוילזיין, און גיבן אונז עסן, קליידונג, און וואס נישט.

הכרת הטוב איז א אידישע מדה, און מיר דארפן דאס גוט איינווארצלען אין זיך. געדענק: ווען איינער טוט דיר גוט, זאלסטו יענעם מכיר טוב זיין. און ווער טוט פאר דיר אזויפיל גוט, ווי דיינע עלטערן.

"טייערע טאטע-מאמע, איך קען ענק נישט צוריקצאלן פאר אלעם וואס איר טוט פאר מיר, וועל איך דעריבער בעטן א ברכה פאר ענק פון טיפן הארצן: דער אויבערשטער זאל ענק געבן אלעס וואס איר דארפט," הוא יברך את אבי מורי ואת אמי מורתי, אותם ואת ביתם ואת זרעם ואת כל אשר להם.

# מה טובו

**מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל, ה' אהבתי מעון ביתך ומקום משכן כבודך.**

(תפילת שחרית)

לחן: ר' יונה ליפשיץ
עיבודים: ר' נפתלי משה שניצלער
סולן ילד: שמואל ישעי' רעטעק, אברמי טיבערג, מענדי שאנפעלד, משה ברוין, אהרן פאלגער
סולן: הרב יהושע ראזען

מה טובו - ווי גליקליך זענען מיר אז מיר האבן די זכיה צו גיין אין שול! עס איז פאר אונז א שטאלץ צו גיין אין שול און דאווענען פאר'ן הייליגן באשעפער, אין זיין געצעלט.

דער בית מדרש איז א הייליג פלאץ, און מיר ווילן דארט טון נאר מצוות און ברענגען נחת רוח פאר'ן רבונו של עולם. דערפאר טוען מיר זיך היטן נישט צו רעדן אין שול חס וחלילה, און דערמיט קרוינען מיר דעם אויבערשטן איבער אונז. די אלע זכותים וועלן אונז ברענגען אלע גוטע ברכות.

ווען משיח וועט קומען, וועלן די בתי מדרשים מיטגיין אויף ארץ ישראל, צוזאמען מיט די פילע מצוות וואס מיר האבן געטון אין שול. מה טובו אוהליך!

# ואתה קדוש

לחן: ר' פנחס מרדכי וועבער
עיבודים: ר' נפתלי משה שניצלער
סולן ילד: יודי ראזנבלום, משה ברוין
סולן: הרב יוסף גליק

**ואתה קדוש יושב תהלות ישראל, וקרא זה אל זה ואמר קדוש.**

(תפילת שחרית, ובא לציון)

מלאכים שרפי מעלה, קענען נישט דינען דעם הייליגן באשעפער איידער מיר, דעם אויבערשטענ'ס קינדער, דאווענען צו אים.

הייליגע אידישע קינדערלעך שרייען אויס יעדן טאג "ואתה קדוש יושב תהלות ישראל".

קדוש, קדוש, קדוש!

# ויתן לך

**ויתן לך את ברכת אברהם, לך ולזרעך אתך, מקל אביך ויעזרך, ואת שד-י ויברכך.**

(סדר ויתן לך, למוצאי שבת)

לחן: ר' הערשל וויינבערגער
עיבודים: ר' משה לאופער
סולן ילד: דודי לינקער

מיר זאגן יעדע מוצאי שבת-קודש די הייליגע ברכות מיט וואס יצחק אבינו האט געבענטשט אונזער פאטער יעקב. מיר בעטן און האפן, אז דער רבונו של עולם זאל אונז שענקען די אלע ברכות.

ויתן לך את ברכת אברהם... לך ולזרעך אתך!

# שלום עליכם

לחן: ר' יונה ליפשיץ
עיבודים: ר' נפתלי משה שניצלער
סולן ילד: משה ברוין, אברהמ'לע שווארץ, מענדי שאנפעלד
סולן: ר' יואל פריינד

**שלום עליכם, מלאכי השלום, מלאכי השרת, מלאכי עליון, ממלך מלכי המלכים, הקדוש ברוך הוא.**
**בואכם לשלום, מלאכי השלום, מלאכי השרת, מלאכי עליון, ממלך מלכי המלכים, הקדוש ברוך הוא.**

(זמירות לליל שבת קודש)

פרייטאג-צונאכטס, אלעס איז שפיגלדיג, דער טאטע קומט אהיים מיט די קינדערלעך, די שענסטע צייט פון די וואך, יעדעס קינד שטייט ביי זיין פלאץ און זינגט שיין די זמירות מיט'ן טאטן.

מיר ענטפאנגען די צוויי מלאכים מיט שמחה, שלום עליכם מלאכי השלום. און זיי קוקן זיך צו ווי די טאטע מיט די קינדערלעך זינגען זמירות אזוי שיין.

און דער מלאך טוב זאגט א הימלישער "לשבת הבאה יהי' כן"

"אמן!"

שבת שלום ומבורך

טייערע קינדער,

יא! דו ביזט אויך א חלק פון יונגערליך. "יונגערליך" איז פאר יעדע אידישע, ערליכע שטוב, מיט דער ציל אייך צו ברענגען גייסטרייכע הנאה און אקטיוויטעטן, דיר צו העלפן ארויסגעבן דיין טאלאנט אויף אן ערליכע אופן.

מיר האפן אז דו האסט הנאה פון דעם סידי, און מיר זענען זיכער אז דו האסט אויך א טאלאנט מיט וואס דו שטאלצירסט און מיט וואס דו ווילסט שטייגן. מיר ווילן הערן פון דיר! שיק אונז א בריוו, וואו דו שרייבסט אונז מער וועגן די טאלאנט וואס דו פארמאגסט, און אויך סיי וואספארא שאלות דו האסט, און מיר וועלן זען וויאזוי מיר קענען דיר העלפן מיט דיין טאלאנט.

ווי אויך, שרייב אונז וועלכע ניגון דו האסט די מערסטע ליב, און פארוואס.

מיר וועלן אי"ה ליינען יעדע איינציגע בריוו, און פארעפנטליכן די רעזולטאטן אי"ה פון וועלכע ניגונים איר האט די מערסטע ליב.

שיק דיין בריוו צו:

Yingerlich

1274 49th street # 373. Brooklyn NY 11219

# יישר כח!

הרב יהושע ראזען - דער טאלאנט וואס פארשטייט צו טאלאנטן... מיט א וויזיע ארויסצוברענגען דאס בעסטע פון קינדער, אויף אן ערליכן פארנעם, האט ער געגרינדעט "יונגערליך", מיט'ן ציל צו העלפן חסיד'ישע קינדערלעך צו קענען שטייגן אין זייער לעבן און אויסוואקסן זייער בעסטע, אין א ריינע, היימישע, חסיד'ישע אטמאספער. זייענדיג א לאנגיעריגער מחנך און א ראש מדריכים אין באבוב, האט ער שוין געהאט די זכיה ארויסצוהעלפן פילע קינדער און עלטערן צוגלייך, מיט זיין רייכן און טיפן פארשטאנד צו חינוך הבנים. מיט א געוואלדיגן געפיל צו נגינה, פארקערפערט ר' יהושע אין זיך די פילע קענטעניסן וואס עס פאדערט זיך אנצופירן אזא אחריות'דיגע פירמע.

הרב יוסף גליק - א מומחה שאין בדומה לו! מיט זיין רייכן ערפארונג און עקספערטיז, שוין זייענדיג אויף צענדליגער אלבומס אלץ קינדער דירעגירער אין די לעצטע פאר יאר, האבן שוין טויזענטער חסיד'ישע היימען הנאה געהאט פון זיין ווערק ביז היינט, ועכשיו ביותר! די איידעלע קלאנגען וואס איר הערט אויף דעם סידי, די קינדער און די ערוואקסענע, זענען אלעס דירעקטירט און ארקעסטרירט געווארן דורך ר' יוסף. מיט זיין געוואלדיגן מבינות האט ער באוויזן אהערצושטעלן א גאר רייכן פראיעקט, וואו איר טוט זיך אליינס איבערצייגן.

ר' נפתלי משה שניצלער - דער מוזיק-מבין און ארויסגעבער פון פילע סידיס, וואס האט געברענגט זיין עקספערטיז און ווילן ארויסצוגעבן א היימישע סידי אויפ'ן העכסטן שטאפל, אין אלע הינזיכטן! הונדערטער שעות און שלאפלאזע נעכט איז אריינגעגאנגען אין דעם פראיעקט, צו קענען ארויסגעבן דעם אלבום. פון קלויבן די ריכטיגע ניגונים, ביז די מוזיק, ביז'ן דעקל, און אלעס אינצווישן. ישלם השם פעלך.

די מיטארבעטער - כל אחד בשמו הטוב יבורך, אלע חסיד'ישע יונגעלייט וואס האבן געארבעט און געהאלפן פאר דעם סידי, זאלט איר אלע געבענטשט ווערן מיט ברכות לרוב, עד שיבלו שפתותיכם מלומר די!

יונגערליך טעלעפאן ליניע: 1718.305.7019
פאר מסיבות, חתונות, דינערס, ווי אויך פאר
”יונגערליך-משפחה” רופט: 1347.927.6645